בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ רוּאִיגְקֵייט בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ? ........................................ א

וִוי אַזוֹי פַאַרְשְׁטֵייט מֶען דֶעם מַהוּת פוּנֶעם חָלָל הַפָּנוּי דוּרְךְ אַ נִיגוּן? ........................................ ב

אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר אוֹיסְצוּהֶערְן? ........................................ ה

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אוֹיבּ עֶס אִיז דָא חֵן צְווִישְׁן אַייךְ זָאלְט אִיר גֵיין וַוייטֶער מִיט'ן שִׁידוּךְ ........................................ א

דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער חָשׁוּב ........ א

אוֹיפְהֶערְן נָאךְ צְוֵויי יָאר ........................................ ב

וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָּאלְגְן? ........................ ב

זַיין צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל ........................................ ד

דַארְפְסְט נִישְׁט אוֹיסְרוּפְן הוֹיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר ........ ד

זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן, נִישְׁט שֶׁעלְטְן ........................ ו

אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג........................ ז

תְּהִלִּים הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן ........................ ח

לֶערְן דִי הֲלָכוֹת צוּ פִירְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ ........................ ח

דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה רוּט אִין אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב.......................ח

אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן .......ט

טְרָאגְן קִינְדֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת ..............................יב

דִי גְמָרָא וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.............................................................. יג

יֶעדֶע פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאט אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת.......יד

מְקוֹר פוּן דֶעם מֵימְרָא 'אַ קִינְד קִישְׁט מֶען נִישְׁט אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט'..................................................... טז

עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ פָארְן אוֹיף זוּמֶער צוּ דִי קָאנְטְרִי...................... יט

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף..............................כ

וָואס מֶען זָאל פָארְלֶערְנֶען בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת......................... כא

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ..............כב

גֶעלְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................................ כג

זוּכְן פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה ..........................כה

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן דִי דִירָה פַאר אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ ..........כו

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון.....................כז

הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶער אָן שְׁטֶעכְן אַ צְוֵוייטְן .......................כז

אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת...........................כח

אִין שׁוּל קוּמְט נִישְׁט קַיין בִּילְדֶער ....................................כח

וֶוען מְ'זָאגְט עֶס מִיט לִיבְּשַׁאפְט, וֶוערְט עֶס אָנְגֶענוּמֶען .......... כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ רוּאִיגְקֵייט בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, וּבִפְרַט בְּעִנְיְנֵי שָׁלוֹם בַּיִת.

לֵיידֶער זֶע אִיךְ בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַסַאךְ קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן אִיךְ ווִיל זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק הֶעלְפְן. עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ פַאר מִיר זֵיי צוּ גֶעבְּן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז קִינְדֶער טָארְן זִיךְ נִישְׁט בְּשׁוּם אֵין אוֹפְן אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי עֶלְטֶערְנ'ס גֶעשֶׁעפְטְן, אָבֶער מַיין הַארְץ גֵייט מַמָּשׁ אוֹיס פַאר זֵיי, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ יָא זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ רוּאִיגְקֵייט אוּן לִיכְטִיגְקֵייט בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז פוּן דַיין זַייט זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין שׁוּם מַחֲלֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן דֶערְצֵיילְן פוּן דַיין לֶעבְּן, פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; דָאס וֶועט זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן אַז זֵיי וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט שׁוֹין זַיין צְווִישְׁן זֵיי שָׁלוֹם. ווַייל אַלֶע מַחֲלֹקֶת הֵייבְּן זִיךְ

אָן פון עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז מַאן און וַוייב זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְט הֵייבְּן זֵיי אָן טְרֶעפְן חֶסְרוֹנוֹת אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן, מֶען הֵייבְּט אָן חוֹזֶק מַאכְן אֵיינֶער פון צְוֵוייטְן, בִּיז דִי שְׁטוּבּ וֶוערְט אַ גֵיהִנוֹם.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי יֶעדְן טָאג; אוֹיבּ דוּ וואוֹינְסְט אִינֶעם זֶעלְבְּן שְׁטָאט - זָאלְסְטוּ אַוַודַאי אַרִיבֶּערְגֵיין און זֵיי דֶערְצֵיילְן פון דַיין לֶעבְּן, דֶערְצֵייל זֵיי נָאר גוּטְס, דֶערְצֵייל זֵיי נָאר נַחַת מַעֲשִׂיוֹת; קְרֶעכְץ נִישְׁט פַאר זֵיי. גְרֵייט זִיךְ אָן אַ שֵׁיינֶע וֶוערְטְל פַאר זֵיי, בְּרֶענְג אַרוֹיף אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף זֵיי; אֵיינְמָאל זֵיי וֶועלְן זַיין פְּרֵיילִיךְ וֶועלְן זֵיי זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קְרִיגְן.

צְוֵוייטְנְס, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי; תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס טוּישְׁן. בֶּעט פַאר זֵיי זֵיי זָאלְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שָׁלוֹם, זֵיי זָאלְן זֶען נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי פַארְשְׁטֵייט מֶען דֶעם מַהוּת פוּנֶעם חָלָל הַפָּנוּי דוּרְךְ אַ נִיגוּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ד, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיז דִי כַּוָונָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דִי תּוֹרָה. מֵיינְט דָאס צוּ זָאגְן אַז דוּרְךְ אַ נִיגוּן קֶען אַ מֶענְטְשׁ מַשִּׂיג זַיין און פַארְשְׁטֵיין זַאכְן וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט יֶעצְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי מַהוּת פוּנֶעם חָלָל הַפָּנוּי? און וָואס אִיז לְמַעֲשֶׂה דִי תּוֹעֶלֶת פון אַ נִיגוּן, אִיז דֶער תּוֹעֶלֶת צוּ קֶענֶען מַשִּׂיג זַיין זַאכְן וָואס זֶענֶען הֶעכֶער פון אוּנְזֶער פַארְשְׁטַאנְד? און וָואס קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פון דִי תּוֹרָה אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, פַארְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן פון אַ פְּשׁוּטְ'עֶר מֶענְטְשׁ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סד): "וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי הַנִּגּוּן שֶׁל הַצַּדִּיק, הוּא מַעֲלֶה אֶת הַנְּשָׁמוֹת מִן הָאֶפִּיקוֹרְסִית הַזֹּאת שֶׁל הֶחָלָל הַפָּנוּי שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם", וְוִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דוּרְךְ דִי נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק קוּמֶען אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת, זֵיי הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה - דִי אַלֶע, וֶוען זֵיי הֶערְן דִי נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק - קוּמֶען זֵיי צוּרִיק.

דֶער נִיגוּן אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען טַאקֶע אוֹיף דִי תּוֹרָה וואו דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין", אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז אִין אַלֶעס אוּן אַרוּם אַלְצְדִינְג; דֶעמָאלְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי קַשְׁיָא 'וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ חָלָל הַפָּנוּי?' וַוייל אוֹיבּ דֶער חָלָל הַפָּנוּי אִיז אוֹיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָאס נִישְׁט קַיין חָלָל הַפָּנוּי?! אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע; אֲפִילוּ אִינֶעם חָלָל הַפָּנוּי אִיז אוֹיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דֶער חָלָל הַפָּנוּי אִיז בַּיי אוּנְז אִין מֹחַ, דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר אַסַאךְ זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן פוּנֶעם צַדִיק, וָואס דֶער נִיגוּן וֶועט מֶען זִינְגֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען; "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל, "וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַלֶעס אַרוּם, "אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל", נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", אִין יֶעדֶע רִיר אִיז דָארְט בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וַוייל דֶער נִיגוּן אִיז כּוֹלֵל אַלֶע נִיגוּנִים, "כָּל הַזְּמִירוֹת וְהַנִּגּוּנִים שֶׁל כָּל הַחָכְמוֹת נִמְשָׁכִין מִזֶּה הַזֶּמֶר וְהַנִּגּוּן", אַלֶע נִיגוּנִים אוּן אַלֶע גֶעזַאנְגֶען קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם נִיגוּן, "שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִכָּל הַזְּמִירוֹת וְהַנִּגּוּנִים שֶׁל כָּל הַחָכְמוֹת", וַוייל דֶער נִיגוּן אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע נִיגוּנִים, "כִּי הוּא הַזֶּמֶר הַשַּׁיָּךְ לְהָאֱמוּנָה בְּהָאוֹר אֵין סוֹף עַצְמוֹ, שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִן הַכֹּל", וַוייל דֶער נִיגוּן אִיז

אַן אֱמוּנָה נִיגוּן, אַ נִיגוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

קוּמְט אוּיס פַּארְקֶערְט וִוי דוּ פְּרֶעגְסְט, דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל זִינְגֶען נִיגוּנִים צוּ פַּארְשְׁטֵיין זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין, צוּ פַּארְשְׁטֵיין דֶעם חָלָל הַפָּנוּי, מֶען דַארְף נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דֶעם חָלָל הַפָּנוּי; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין, ווַייל בְּעֶצֶם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּעראַל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁטָא; אֵיי ווִי קֶען זַיין דֶער חָלָל הַפָּנוּי, וָואס אִיז לוּיטְן גְרָ"א בִּפְשְׁטוּת? הָאבְּן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען דָאס וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין דִי תּוֹרָה, אַז דֶער חָלָל הַפָּנוּי אִיז בַּיי אוּנְז אִין קָאפּ וְכוּ'.

אַוַדַאי אִיז דֶער תּוֹרָה אוּיף לְמַעֲשֶׂה, דֶער תּוֹרָה בְּרֶענְגְט אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען חַזֶר'ט דִי תּוֹרָה אַלְץ מֶער וֶוערְט קְלָאר דִי אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלְץ מֶער וֶוערְט קְלָאר אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער הִיפְּן אִיבֶּער דִי אַלֶע חֲקִירוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְעַל כֵּן יִשְׂרָאֵל נִקְרָאִים עִבְרִיִּים", פַּארְוָואס וֶוערְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן נָאמֶען 'עִבְרִיִּים'? "שֶׁעַל יְדֵי אֱמוּנָתָם שֶׁמַּאֲמִינִים שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֱלֹקֵי הָעִבְרִיִּים כַּנַּ"ל, הֵם עוֹבְרִים עַל כָּל הַחָכְמוֹת וְעַל מַה שֶּׁאֵינָם חָכְמוֹת", ווַייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וָואס מִיט דִי אֱמוּנָה גֵייעֶן זֵיי אַרִיבֶּער אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע קַשְׁיוֹת, זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין; 'עִבְרִיִּים' אִיז טַייטְשׁ 'אִיבֶּערְגֵיין', מֶען קוּקְט נִישְׁט אוּיף דִי חָכְמוֹת, נָאר מִיר בְּלַייבְּן מִיט אֱמוּנָה.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, דָארְט זוּךְ דִיר אַ חָלָל הַפָּנוּי, דָארְט זָאלְסְטוּ ווַיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּיף דַיין שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּיף דִיר אוּן דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּיף דִי אֱמוּנָה, זָאלְסְט גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז עֶר; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוּיף דִיר דִי אוֹר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר אוֹיסְצוּהֶערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר פוּן אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת. עֶס הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר פִיל אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאב שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בִּין אַ גְרוֹישׁ שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָאר, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען צְוֵויי מָאל בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאב אָבֶּער נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן?

וֶוען אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מִיר עֶס אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ שְׁפִּיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַז אִיךְ הָאב יוֹצֵא גֶעוֶוען, אַז אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶענוּג גֶעבֶּעטְן, אוּן אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן.

אוֹיךְ ווֵייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיב אִיךְ מֶעג אַלֶעס זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען אִיךְ ווִיל דֶערְצֵיילְן מַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען זִיךְ אַמָאל נָאךְ מֶער שְׁטַארְקְן דִי נִסְיוֹנוֹת לְכָבוֹד דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווַאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ דֶערְצֵיילְסְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר.

דָאס אִיז דָאךְ גַּן עֵדֶן, דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא; וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אִים - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן מֵעֵין דְמֵעֵין פוּן עוֹלָם הַבָּא, מֶען שְׁפִּירְט גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז דוּ שְׁפִּירְסְט אַסַאךְ מָאל וִוי קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס מִיט אַלֶעמֶען.

דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְּלֶעגְט שְׁפִּירְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת וִוי מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס; עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן דֶעם, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער טֶעג אוּן וָואכְן וָואס עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶפֶּעס רוּקְט זִיךְ, נָאכְדֶעם הָאט עֶר חֲרָטָה גֶעהַאט, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ה, יב).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, דוּ רֶעד וַוייטֶער יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יָא גֶעפִילְן, נִישְׁט גֶעפִילְן, - דָאס אִיז נִישְׁט דִי זַאךְ, דֶער עִיקָר אִיז טוּן אוּן טוּן אוּן טוּן.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הַאלְט נִישְׁט אוֹיס וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג, עֶר זוּכְט אַלֶע מִיטְלֶען צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים אָפְּקִילְן פוּן דִי עֲבוֹדָה, אֵיינְמָאל מַאכְט עֶר טְרַאכְטְן 'קֵיינֶער הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס', אַ צְוֵוייטֶע מָאל מַאכְט עֶר טְרַאכְטְן 'מֶען הֶערְט יָא אוֹיס; נוּ, דַארְף מֶען דָאךְ מֶער רֶעדְן', עֶר מַאכְט שְׁפִּירְן וִוי עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג וְכוּ' וְכוּ', אַבִּי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה.

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז וֶוען דוּ דֶערְצֵיילְסְט דָאס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן דִי נִסְיוֹנוֹת שְׁטֶערְקֶער, דָאס אִיז נִישְׁט וָואר; דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען נִסְיוֹנוֹת, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר בִּיטֶער, פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן נָאר דוּרְכְ'ן דָאס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת. אַוַדַאי אִיז דָאס נִישְׁט גֶעשְׁמַאק, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ זֵייעֶר וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס אַלֶעס, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וֶוער מֶען אִיז, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען וִוי וַוייט מֶען אִיז; דָאךְ דַארְף מֶען דָאס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק

א׳, סִימָן ד) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם", אוּן דָאס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס נָאר דוּרְךְ וִידּוּי דְבָרִים, נָאר וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט עֶס אוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ וִוילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאג אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר אַלֵיינְס, אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע עוֹנְשִׁים, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

גֵיי נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָן אַ שִׁיעוּר מָאל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער אִין דִי צַוָואָה, סַיי פַאר בָּחוּרִים אוּן סַיי פַאר מֵיידְלֶעךְ, אַז עֶר וֶועט נִישְׁט רוּעֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן זֵייעֶר שִׁידּוּךְ, אוּן בִּכְלָלִיּוּת פַאר אוּנְז אַלֶע שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעם לָשׁוֹן (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַצֵּבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן קֶען מַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר אוּן מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקּוּן פַאר מַיין נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.

אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְּקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף קֶענֶען פוֹעֶלְ'ן בַּיי מַיין קֵבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי מַיין קֵבֶר, וֶועל

אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר און אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַּאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

און סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיב וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר און דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אוֹיבּ עֶס אִיז דָא חֵן צְוִוישְׁן אַייךְ זָאלְט אִיר גֵיין וַוייטֶער מִיטְ'ן שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'**

דֶער בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַ טֵייעֶרֶער בָּחוּר; עֶר הָאט זֵייעֶר גוּטֶע מִידוֹת, עֶר הָאט אַ לֵב טוֹב, עֶר קוּמְט זִיךְ אוֹיס מִיט חֲבֵרִים, עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם; עֶר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי מִיר, אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן אִים.

עֶר גֵייט נִישְׁט מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר דַאוֶוענְט מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל.

טְרֶעפְּט זִיךְ מִיט אִים; אוֹיבּ עֶס אִיז דָא חֵן צְוִוישְׁן אַייךְ זָאלְט אִיר גֵיין וַוייטֶער מִיטְ'ן שִׁידוּךְ.

...

### דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער חָשׁוּב

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר שְׁרַייבְּט מִיר כְּסֵדֶר דַיינֶע סִיוּמִים, יֶעצְט הָאט עֶר מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי זִיבֶּעטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט הַתְּמָדַת הַתּוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבָדוּת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", דָאס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער חָשׁוּב וִוי דִי עֲבוֹדָה אוֹיף דֶער עֶלְטֶער; דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו פַאר זַיין זוּן: "וְשָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת - כְּשָׁנָה שְׁלֵמָה בִּימֵי הָעֲמִידָה חָשׁוּב", אֵיין שָׁעָה אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

...

## אוֹיפְהֶערְן נָאךְ צְוֵויי יָאר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עַל פִּי הֲלָכָה, כָּל זְמַן מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זֵייגְן - קֶען מֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין, אָבֶּער אַז דֶער קִינְד וֶוערְט שׁוֹין צְוֵויי יָאר אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן מִיטְ'ן זֵייגְן מִכַּמָּה טַעֲמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָּאלְגְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוער נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט צֶערִיסֶענֶע גִּלְיוֹנוֹת, אָדֶער דוּ טְרֶעפְסְט דִי גִּלְיוֹנוֹת אִין מִיסְט אָדֶער אִין בֵּית הַכִּסֵא; דוּ זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן וַוייטֶער דִי גִּלְיוֹנוֹת. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דֶעם, וְויפִיל מֶענְטְשְׁן שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן אוּן זוּכְן וואוּ זֵיי קֶענֶען טְרֶעפְן אַ גִּלְיוֹן לְכָבוֹד שַׁבָּת זִיךְ צוּ קֶענֶען אַבִּיסְל מְחַזֵּק זַיין.

אַז דֶער גַּבָּאֵי פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאגְט דִיר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לֵייגְן מֶער קַיין גִּלְיוֹנוֹת דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵייגְן, אָבֶער אַז מֶען וַוארְפְט עֶס אִין מִיסְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּחָדִים בַּיי דַיין קִינְד; עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער, דָאס הָאבְּן פְּחָדִים בַּיינַאכְט, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן פוּן דֶעם קַיין עֵסֶק, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין. נֶעם דַיין קִינְד צוּ דִי מְזוּזָה, עֶר זָאל קִישְׁן דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיר אוּן רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי פְּחָדִים וָואס אִיךְ הָאבּ".**

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע 'וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן?' דָאס הָאט מִיט דִי עֶלְטֶערְן; עֶלְטֶערְן מוּזְן שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אַז אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט. עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג, זֵיי מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען זָאגְט פַאר'ן קִינְד וָואס צוּ טוּן אוּן וֶוען דֶער קִינְד זָאגְט נָאךְ דִי וֶוערְטֶער, לְמָשָׁל טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן: "אַרַיין אִין בֶּעט", רוּפְט זִיךְ דָאס קִינְד אָן: "אַרַיין אִין בֶּעט", - וָואס טוּעֶן דִי עֶלְטֶערְן? זֵיי שְׁמֵייכְלֶען צוּ זִיךְ אוּן זָאגְן: "אַזוֹי זִיס", "אַזוֹי פָּאנִי"; אַז דָאס קִינְד זֶעט אַז מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (עֶטֶענְשָׁאן) טוּט מֶען דָאס נָאכְאַמָאל.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אַז אַ וָוארְט אִיז אַ וָוארְט, דֶעמָאלְט פָאלְגְן דִי קִינְדֶער.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; וִוי מֶער מֶען דַאוֶוענְט אוֹיף דֶעם אַלְץ מֶער נַחַת זֶעט מֶען בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיין צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד חַבְרֵי הַכּוֹלֵל שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מִיר הֵייבְּן אָן נָאכְאַמָאל כּוֹלֵל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, ווִיל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט הַאלְטְן דִי זְמַנִים; צֶען אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין גְרֵייט נָאכְן דַאוֶוענֶען אוּן נָאכְן עֶסְן. אִיךְ פַארְלַאנְג אִיר זָאלְט זִיךְ צֵייכֶענֶען וֶוען אִיר קוּמְט אוּן וֶוען אִיר גֵייט אַוֶועק, וַוייל אִיךְ וֶועל נִישְׁט צָאלְן קֵיין גֶעהַאלְט נָאר אַז מֶען הַאלְט דִי זְמַנִים.

דֶער כּוֹלֵל אִיז מַיין לֶעבְּן; אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין, אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן בַּיים לֶערְנֶען.

...

## דַארְפְסְט נִישְׁט אוֹיסְרוּפְן הוֹיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מוֹדִיעִין עִילִית**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶער רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אוּנְז עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ דֶערְנֶעֶנְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם בִּין אִיךְ גְרֵייט צוּ עֶנְטְפֶערְן אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קֵיין אֵיין וָוארְט; אוֹיךְ מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ שְׁפַת הַנַּחַל פַארְשְׁטֵייסְטוּ נִישְׁט, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אִין אָנְהֵייבּ אִיז נִישְׁט גְרִינְג, מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּם שְׁפְּרַאךְ וְכוּ'; אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דוּ וֶועסְט אִין אָנְהֵייבּ גוֹרֵס זַיין, דוּ וֶועסְט

זִיךְ מְסַדֵּר זַיין צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אָן פַארְשְׁטֵיין, דוּ וֶועסְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער – וֶועסְטוּ בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דַיין מֹחַ, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת; אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קֶענֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אַז דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער; אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין, וָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען "אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער"? וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אַז דוּ, פַאר דִיר אַלֵיינְס – וֶועסְט זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אָן אוֹיסְרוּפְן פַאר אַלֶעמֶען: "אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער" אוּן אַזוֹי פִירְן דַיין שְׁטוּבּ? אִיךְ זָאג דִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַזוֹי טוּן, נִישְׁט נָאר זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר, נָאר בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן וֶועלְן זֵיי אַלֶע מְקוּרָב וֶוערְן; וֶוען מֶען וֶועט זֶען ווִי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְזַכֶּה – וֶועסְטוּ זֵיי מְקַרֵב זַיין מִיט דַיין הִתְנַהֲגוּת.

בְּנוֹגֵעַ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג; מוֹהֲרַנַ"ת הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, מוֹהֲרַנַ"ת הָאט גֶענוּמֶען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְוַואקְסְן אוּן הָאבְּן שֵׂכֶל מֶער ווִי דְרַייסִיג יֶערִיגֶע אוּן זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט. אִיךְ וֵייס נִישְׁט ווִי קִינְדֶערִישׁ דַיין זוּן אִיז, אוֹיבּ אִיז עֶס אַזוֹי ווִי דוּ לֵייגְסְט עֶס אַרָאפּ, אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ אַ קְלֵיין בֶּעבִּי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, אֲפִילוּ בַּיי דִי אַכְצְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; וַוייל תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס.

בְּנוֹגֵעַ מִקְוֶה וְכוּ'; בַּיי אוּנְז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים אִיז מֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף מִקְוֶה, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז שְׁוֶוער אָדֶער נִישְׁט, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּגֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן תִּקְוָה – אַז מֶען גֵייט

אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן".

בְּנוֹגֵעַ וואו דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן דַיין צְדָקָה, פַאר דִי יְשִׁיבָה אִין אַמֶעריקֶע אָדֶער פַאר דִי שׁוּלְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן דִי צְדָקָה פַאר דִי גַבָּאִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי זָאלְן וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

נָאכְאַמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ, דַיין וַוייבּ זָאל זַיין צוּפְרִידְן, זִי זָאל זַיין מִיט דִיר אוֹיף אֵיין בְּלַאט. אוֹיבּ בִּיסְטוּ אוֹיף אֵיין בְּלַאט אוּן זִי אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע בְּלַאט, זָאלְסְטוּ צוּרִיק מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער, זוּךְ אוֹיף דִי בְּלַאט וואוּ זִי אִיז אוּן לֶעבּ מִיט אִיר אוֹיף אֵיין בְּלַאט; וַוייל אָן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גָארְנִישְׁט דָא, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דֶער יְסוֹד פוּן זַיין הֵיילִיג.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן, דוּ קֶענְסְט פְרֶעגְן אַלֶע דַיינֶע שְׁאֵלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן, נִישְׁט שֶׁעלְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תָּזְרִיעַ, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט דַיין הַנְהָגָה, דוּ שֶׁעלְטְסְט וְכוּ'; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת קְלָלָה, חֵלֶק ב', סִימָן א'): "אָדָם הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת, הוּא מֵעוֹלָם הַתּוֹהוּ", דֶער וָואס שֶׁעלְט אִיז אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, עֶר לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה, בַּיי אִים אִיז אַלֶעס תֹּהוּ וָבֹהוּ; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "הָרָגִיל בִּבְרָכָה, הוּא מֵעוֹלָם הַתִּקּוּן", וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אִיז אִין עוֹלָם הַתִּיקּוּן; דֶער אִיז אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דָאס וַוייזְט אַז דִי אֱמוּנָה אִיז בַּיי אִים גַאנְץ.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְהֶערְן נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין; דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן מִיט אַ

דָאקְטֶער, מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן פְּלוּצְלוּנְג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען צוּרִיקְפַאלְן און עֶס קֶען וֶוערְן עֶרְגֶער; גֵיי צוּם דָאקְטֶער אוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער וֶועט דִיר זָאגְן - אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שִׁידוּךְ; דוּ זַיי מִתְפַּלֵל אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי מֶער מֶען בֶּעט אוֹיף דֶעם - אַלְץ נֶענְטֶער קוּמְט דֶער שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּמַאן**

דַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי דְרִיטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג, דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט הַתְמָדַת הַתּוֹרָה.

לֶערְן וַוייטֶער מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת אִיז אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, עֶס מַאכְט הֵיילִיג; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל דִיר נֶעמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, דָארְט זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִילִים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר אַ פְּרִיוַואטֶע טוֹבָה, זָאלְסְט בֶּעטְן פַאר מִיר בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן, מַיין נָאמֶען אִיז יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל; בֶּעט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי יְשִׁיבָה אוּן מִיט אַלֶעס אַרוּם, קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### תְּהִלִּים הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב**

זֶעט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג פוּן אַייעֶר לֶעבְּן, תְּהִלִּים הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן.

וֶוען אִיר זָאגְט תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אַרַיינְפְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער אוּן אַייעֶרֶע גֶעבֶּעטְן.

דָאס וֶועט אַרוֹיפְגֵיין הוֹיךְ אִין הִימְל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן יְשׁוּעוֹת אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### לֶערְן דִי הֲלָכוֹת צוּ פִירְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען אוּן חַזֶרְ׳ן דִי הֲלָכוֹת, עֶס זָאל זַיין פַאר דִיר קְלָאר; אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פִירְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

...

### דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה רוּט אִין אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**אַ מַתָּנָה פַאר מָרַת ... תְּחִיֶ׳**

זֶעט צוּ לֶערְנֶען אַסאַךְ דֶעם סֵפֶר אַז אִיר זָאלְט זַיין קְלָאר מִיט דִי הֲלָכוֹת, אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען בּוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ; דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וֶועט רוּעֶן בַּיי אַייךְ.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ בַּאקוּמֶען אַ רְשׁוּת אַרַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ קוּמֶען צוּ עֶנְק, זִיךְ בַּאקֶעגֶען פוּן דֶער נָאנְט מִיט דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים, זֵיי הָאבְּן אַ בְּרֶען אוּן אַ פְלַאקֶער, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה, מִיט יֶעדֶע דִיבּוּר; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דֶער וָואס אִיז פְרִישׁ, דֶער וָואס לֶעבְּט - וִוי דִי וָואס זֶענֶען אַלְט אוּן קַאלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין!" דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל נָאר אַרַיינְוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ זִקְנָה, אַלְט אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן"; מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָרוֹן, "אָבֶער בַּיי מִיר" - זָאגְט דֶער רֶבִּי - "אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנַיי"; אִיךְ זוּךְ אַלְץ פְּרִישֶׁע חֲבֵרִים, פְּרִישֶׁע מְקוּרָבִים; מִיט זֵיי אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ רֶעדְן, מִיט זֵיי אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין; מֶען

שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי גוּט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען נֵיי, פְּרִישׁ אוּן ווִילְן אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנֵיי הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן; אִיךְ הָאף צוּ זַיין בְּקָרוֹב מִיט אֵייךְ.

אִיךְ בֶּעט אֵייךְ טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִין שְׁטוּבּ נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן דִי וַוייבּ; מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן - דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ צוּ אַ רֶבִּי אַז דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן?"

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז אַמָאל גֶעוֶוען מִיט רֶבִּי נָתָן, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט זִיךְ צֶערִיסְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶערְ'ס רֶעקְל, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֵיי נֵיי צוּ דַיין רֶעקְל", וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי בְּגָדִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶערִיסְן, אָבֶּער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט גֶעוָואלְט זֶען ווִי רֶבִּי נָתָן גֵייט צוּם צִיוּן, אִיז עֶר וַוייטֶער מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ צוּ אַ רֶבִּי אַז דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן?"

דָאס זָאג אִיךְ אֵייךְ טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים: "אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן"; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, מֶען זָאל שַׁיין רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ; מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן נָאר דֶער וָואס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, אַנְדֶערְשׁ ווִי אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף דִי זַאךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת ווִי אַ מָאדֶערְנֶע זַאךְ, אַ פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע זַאךְ; מֶען מֵיינְט אַז אוֹיבּ מֶען רֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיבּ מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת - אִיז מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין עֹבֵד הַשֵּׁם; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת נִישְׁט קַיין מָאדֶערְנֶע זַאךְ, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', שָׁלוֹם בַּיִת אִיז 'קְדוּשָּׁה', שָׁלוֹם בַּיִת אִיז מַאכְן אַ פְּלַאץ פַאר 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה'.

אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִי פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, דִי חוּמְרוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס פַאר חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת; אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִי וָואס רֶעדְן קֶעגְן דִי תּוֹרָה, מִיר הָאבְּן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דָאס אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן; דִי אַלֶע וָואס לֵייגְן צוּ אוֹיפְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת - דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאל נָאכְדֶעם אַרַיינְפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת חֲמוּרוֹת, דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן צוּ אַבְרֵכִים פוּן פְּרִישׁוּת - דִי זֶענֶען

דִי גוֹרְמִים אוֹיף אַלֶע שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן, אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִקוּטִים"), עֶר פַאר זִיךְ אִיז גֶעוֶוען גֶענְצְלִיךְ מֻבְדָל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֶעם וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בְּעִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶר'ן הִלְכוֹת טָהֳרָה צוּ וויסְן נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶּער נִישְׁט צוּלֵייגְן קַיין שׁוּם פְּרִישׁוּת, נָאר וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ' אוּן אִין דִי אַנְדֶערֶע טֶעג וְכוּ' זָאל מֶען הִיטְן דִי הֲלָכוֹת.

מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק בּ', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת, עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער; מִיר קֶענֶען נִישְׁט הַאלְטְן דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן נָאר פַאר אוּנְז, מִיר דַארְפְן דָאס גֶעבְּן פַאר נָאךְ, מִיר דַארְפְן דָאס

פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע; יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת, עֶר זָאל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַפָּצָה.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען, בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַאכְט נִישְׁט קַיין שׁוּם פִּרְסוּם, קַיין שׁוּם צֶעטְלֶעךְ; אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט, אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ אַייךְ, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין פוּן דֶער נָאנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טְרָאגְן קִינְדֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דִי טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן אִיז נִישְׁט מִיט אַחְרַיוּת; אִיךְ וֵוייס דִיר נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דוּ מֵיינְסְט אַז דְרֵייוְון קִינְדֶער אִיז אַ שְׁפִּיל.

גֶעבּ אַ קוּק, אִיךְ שִׁיק דִיר אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי קֶעמְרֶע וִוי צְוֵויי וֶוענְס פָארְן מִיט אָפֶענֶע טִירְן; אִיךְ בִּין דֶערְצִיטֶערְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן. זֶעט אוֹיס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס מֵיינְט דְרֵייוְון; לְדַעְתִּי טָארְן זֵיי נִישְׁט מֶער דְרֵייוְון אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אָדֶער קֶענְסְטוּ אוֹיפְנֶעמֶען גוּטֶע דְרֵייוֶוערְס מִיט אַחְרַיוּת, אָדֶער פַארְמַאךְ דִי טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן; אָפְּהִיטְן זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס וֶועט פַּאסִירְן.

...

## דִי גְמָרָא וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גוּט מָארְגְן, אַ גוּטְ׳ן חוֹדֶשׁ; הַיינְט אִיז מֶען מְסַיֵּים מַסֶכֶת שְׁקָלִים, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִיט כַאפְּן מִיט אוּנְזֶער סֵדֶר, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן מָארְגְן מַסֶכֶת יוֹמָא; עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע מַסֶכְתָּא, אַ רַייכֶע מַסֶכְתָּא. דִי גְמָרָא וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶס וֶועט דִיר בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו): ״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר״, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען מֶער וִוי זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, ״וּמִמֵּילָא יָבִין״, פוּן זִיךְ אַלֵיינְס וֶועט גֶעשֶׁען אַז מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַז מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְווֵייטְן מָאל, אוּן אַז מֶען וֶועט נָאכְאַלְץ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְווֵייטְן מָאל וֶועט מֶען בַּיים דְרִיטְן מָאל פַארְשְׁטֵיין, ״וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ״, אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, ״מַה בְּכָךְ״, אִיז וָואס? ״כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל״, וַוייל דָאס אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן אַלֶעס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): ״לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר״, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, ״כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ׳״, וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ

מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מָאנְסִי, מִיר הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ פוּן הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר צוּ אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן סִיוּם מַסֶּכֶת שְׁקָלִים. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט, עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה צוּ זֶען ווִי תַּלְמִידִים אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צַאם יֶעדֶע נַאכְט לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעטְרָאפְן אַסַאךְ תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה אוּן אוֹיךְ פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים אָנְגֶעפִילְט מִיט חַיוּת, וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט מִיר שְׁרַייבְּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים, ווַייל זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי; זֶען ווִי דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ דִינְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יֶעדֶע פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאט אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תָּהֳרָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָיר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן ווִי דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, דוּ לֶערְנְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; דָאס אִיז דַיין חַיוּת, דָאס גֶעבְּט דִיר לֶעבְּן.

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זָאלְסְטוּ דָאס אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל; דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז גוּט צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן, דָאס אִיז נִישְׁט אַ לִימוּד וָואס מֶען לֶערְנְט אֵיין מָאל אוּן מֶער נִישְׁט, דָאס אִיז אַ לִימוּד פַארְ'ן לֶעבְּן, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל פוּן אַלֶע סְפָרִים; אַבִּיסְל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סֵפֶר הַמִידוֹת אוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת.

יֶעדֶע פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאט אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת, אָנְגֶעהוֹיבְּן

מִיטְ'ן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "יְכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מִי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶעם לָשׁוֹן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט)".

חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁמוּעֶסְן; דָאס הָאט אַ כֹּחַ צוּרִיק צוּ קֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַארְ'ן לֶעבְן.

סֵפֶר הַמִּידוֹת - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד", אוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת: "דָאס וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס; חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה)".

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט דִי סְפָרִים, עֶר לֶערְנְט דָאס אוּן חַזֶר'ט דָאס זַיין גַאנְץ לֶעבְן; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקוֹר פוּן דֶעם מֵימְרָא 'אַ קִינְד קִישְׁט מֶען נִישְׁט אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁרַייבְּט מִיר, בִּפְרַט וֶוען אִיר שְׁרַייבְּט מִיר בַּאמֶערְקוּנְגֶען אוֹיפְ'ן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אִיךְ וִויל אַז אַלֶע שִׂיחוֹת אוּן אַלֶע תְּשׁוּבוֹת זָאלְן זַיין רִיכְטִיג.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר בַּאמֶערְקוּנְג אוֹיפְ'ן בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וואוּ עֶס שְׁטֵייט: "דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט 'אַ קִינְד קִישְׁט מֶען נִישְׁט אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט'"; אִיר צֵייכְנְט צוּ מַרְאֶה מְקוֹמוֹת אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַ דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן אַלֵיינְס, נָאר פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז דָא בְּרִיוו אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט דָאס בְּשֵׁם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, נָאכְדֶעם אִיז דָא מָאלְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט דָאס יָא פוּן רֶבִּי'ן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק א, מִכְתָּב לא) זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ "בְּשֵׁם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ", אַזוֹי אוֹיךְ אִין חֵלֶק יט (מִכְתָּב ב' תלד); פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בְּרֶענְגְט מוֹהֲרָא"שׁ דִי שִׂיחָה - יָא בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן, (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק ח, מִכְתָּב תתסח): "וְכֵן יֵשׁ דִּבּוּר מֵרַבֵּנוּ ז"ל: 'לֹא מְנַשְּׁקִים אֶת הַיְלָדִים, וְלֹא מַרְבִּצִים לַיְלָדִים'"; אַ צְוֵוייטֶע מָאל בְּרֶענְגְט דָאס מוֹהֲרָא"שׁ, אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גָאר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חֵלֶק כד, מִכְתָּב ג' טז): "וְאָמַר פַּעַם לְמוֹהַרְנַ"ת ז"ל, בְּשָׁעָה שֶׁנָּתַן סְטִירָה לְבֵן שֶׁלּוֹ, 'אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?' [יֶלֶד, מַכִּים אוֹתוֹ?] 'מֶען קִישְׁט נִישְׁט אוּן מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט' [לֹא מְנַשְּׁקִים וְלֹא מַרְבִּצִים]"; אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז מַשְׁמַע אַז דָאס זֶענֶען צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע שִׂיחוֹת, אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׂיחָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט צֶערְטְלֶען.

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז אִיר לֶערְנְט דִי בְּרִיוו אוּן אִיר זֶענְט מְדַיֵּק דֶערִין; אִיךְ

וַוארְט צוּ הֶערְן נָאךְ בַּאמֶערְקוּנְגֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן אַלֶעס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ לֶערְנְט מִיט אוּנְז; מִיר זָאלְן מְקַיֵים זַיין אַלֶע שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶע שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד וֵויינְט אַסַאךְ בַּיינַאכְט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טָאכְטֶער, דְרֵיי יָאר אַלְט, וֶועקְט זִיךְ אוֹיף כִּמְעַט יֶעדֶע נַאכְט אוּן וֵויינְט גָאר אַסַאךְ, בִּיז מֶען קֶען אִיר עֶנְדְלִיךְ בַּארוּאִיגְן זִי זָאל צוּרִיק אַיינְשְׁלָאפְן בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט נָאכְאַמָאל. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן שְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג דִי גַאנְצֶע נַאכְט?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ קִינְד פוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַלְט, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ לוֹיט'ן רֶבִּי'ן טָאר אִיךְ אִים נִישְׁט קוּשְׁן, נָאר זִיךְ מֶער דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן וֵויינְט - זָאלְסְטוּ מִיט וֵויינֶען מִיטְ׳ן קִינְד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים ווִילְן דָאךְ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן בַּיינַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת; וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועקְן זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, קֶען מֶען דֶעמָאלְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

מוֹהֲרַא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַ סְגוּלָה פַאר בַּעֲלֵי בַּתִּים וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט אַרַיין אַיינְקוֹיפְן, אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַ סֵפֶר, אַ מִשְׁנָיוֹת וְכַדוֹמֶה אִין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען - וֶועט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זִיכֶער מַאכְן עֶס זָאלְן קוּמֶען מֶענְטְשְׁן אַיינְקוֹיפְן, אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען. דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַז דַיין קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט, עֶס וֵויינְט אוּן ווִיל נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מִיט צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צָרוֹת; בֶּעט מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען אוּן אוּנְז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דַיין קִינְד שְׁנֶעל אַיינְשְׁלָאפְן, אַבִּי דוּ זָאלְסְט שׁוֹין אוֹיךְ צוּרִיק גֵיין שְׁלָאפְן.

בְּנוֹגֵעַ קִישְׁן קִינְדֶער; דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט: ״אַ קִינְד קִישְׁט מֶען נִישְׁט, אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט״; אָבֶּער דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי מֶען זָאל צֶערְטְלְן דִי קִינְדֶער; וַוייל ווִי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, שְׁלָאגְט מֶען דָאס קִינְד וֶוען עֶס אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ פָאהְרֶן אוֹיף זוּמֶער צוּ דִי קַאנְטְרִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְגֶעס נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטָאט זוּמֶער; מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, דִי גוֹיִם וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעלָאזְט, זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף וִוי חַיּוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער; מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיבְן אִין קָאנְטְרִי אִיז דָא אַ רֵיינְקֵייט, עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעפּ אוּן טִרְחָה וְכוּ' אַבִּי אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק וֶוייניגֶער.

אַז דוּ הָאסְט אַ פַּרְנָסָה אִין קָאנְטְרִי אוּן אוֹיךְ דַיין וַוייבּ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֵיין - זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דִי פַּרְנָסָה פוּן מְלַמְּדוּת אוּן גֵיין אִין קָאנְטְרִי; סַיי דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען גוּט אוֹיסְגֶעבְּן, קָאנְטְרִי אִיז זֵייעֶר אַ גֶעזוּנְטֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער - אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיךְ מַרְוִיחַ זַיין פוּן דֶעם, דוּ וֶועסְט זִיךְ גוּט קֶענֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער.

עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע הִתְבּוֹדְדוּת צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "אִם הָיִיתָ זוֹכֶה לִשְׁמֹעַ אֶת קוֹל הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁל הָעֲשָׂבִים, אֵיךְ כָּל עֵשֶׂב וְעֵשֶׂב אוֹמֵר שִׁירָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלִי פְּנִיָּה, וּבְלִי שׁוּם מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, וְאֵינָם מְצַפִּים לְשׁוּם תַּשְׁלוּם גְּמוּל, כַּמָּה יָפֶה וְנָאֶה כְּשֶׁשּׁוֹמְעִין הַשִּׁירָה שֶׁלָּהֶם", וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז, צוּ הֶערְן וִוי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; זֵיי וַוארְטְן נִישְׁט אוֹיף קַיין שְׂכַר וְכַדּוֹמֶה, וִוי גוּט אִיז צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי.

אִיךְ וֶועל אוֹיךְ זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צְווִישְׁן דִי בֶּערְג בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן הֵייבּ זִיךְ אוֹיף; הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל פוּן נֵיי, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן טוֹיזְנְט מָאל – הֵייבּ אָן טוֹיזְנְט מִיט אֵיין מָאל; אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן – הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית – זָאלְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן, זָאלְסְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר דִי עֲבֵירָה; דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אִיז אַ תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא): ״אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אַ תִּיקוּן פַאר דֶעם, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג זַיין, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אִינְמִיטְן, אִיךְ – הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט – הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מַשִּׂיג צוּ זַיין אוּן מְגַלֶה זַיין דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי״.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, שָׁם): ״דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מִקְוֶה״; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין מִקְוֶה וַואשְׁט עֶר אָפּ זַיין נְשָׁמָה, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס עֶר טוֹבֵלְ׳ט זַיין גוּף דָא אוּנְטְן דֶעמָאלְט טוֹבֵלְ׳ט מֶען זַיין נְשָׁמָה אוֹיבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי נִישְׁט צוּ דִי אַלֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; זֵיי שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אַז דוּ וֶועסְט צֶעבְּרֶעכְן דַיין יֵצֶר הָרָע – וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען שְׁנֶעל דַיין שִׁידוּךְ. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אַ נִסָיוֹן אוּן מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ

אוֹיפְ'ן נִסָּיוֹן – אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע נִסִּים.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, וַוייל דֶער וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית – אִים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית – הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; וְוִיפִיל מֶען וִויל אָפְּלָאזְן – פַאלְט מֶען צוּרִיק אִין דֶעם. מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַאטֶעוֶועןן פוּן דֶעם – אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בְּעִיקָּר זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ – זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, וַוייל שִׂמְחָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי עֲבֵירָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קסט) עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", וֶוען אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז: "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ" – עֶס אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס מֶען זָאל פַארְלֶערְנֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ צַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פַאר שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זִיצְן אִינְאֵיינֶעם בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען; אֵיינֶער זָאגְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען חִיזּוּק

אוֹיף לְמַעֲשֶׂה. מֶען קֶען לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דִי שְׁאֵלָה אִיז נָאר וֶוער עֶס לֶערְנְט דָאס פָּאר; נֶעמְט נִישְׁט אֵיינֶער וָואס וֶועט זוּכְן צוּ וַוייזְן וָואס פַאר אַ גָאוֹן עֶר אִיז, נֶעמְט נִישְׁט אֵיינֶער וָואס זָאל אַייךְ פַּארְקוֹיפְן פְּשֶׁעטְלֶעךְ וְכַדוֹמֶה, נֶעמְט אֵיינֶעם וָואס וֶועט רֶעדְן פָּשׁוּט'עֶ וֶוערְטֶער, נִישְׁט קַיין טִיפֶע זַאכְן, אַז דִי וָואס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען זָאלְן אַהֵיים גֵיין מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה לֶערְנְט מֶען פָּאר יֶעדֶע וָואךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אֵיין וָואךְ אַ שְׁטִיקְל פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אֵיין וָואךְ חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, עַל פִּי רוֹב לֶערְן אִיךְ פָּאר שִׂיחוֹת הָרַ"ן. אִין יְרוּשָׁלַיִם לֶערְנֶען זֵיי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין אִין דִי וֶוערְטֶער חִיזּוּק אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

יֶעצְט קוּמְט אַרוֹיף דִי נַייעֶס אַז נָאךְ אַבִּיסְל עֶפְּנְט מֶען אוֹיף דִי גְרֶענִיץ; אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ קוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ עֶנְקֶער חֲבוּרָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט מַאכְן קַיין פִּרְסוּם, אִיךְ וִויל נִישְׁט דִי זַאכְן; אִיךְ קוּם אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וִויל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען צוּ אַלֶע חֲבוּרוֹת אִין אַלֶע שְׁטֶעט, אָבֶער נָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם פִּרְסוּם.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט אַייךְ אוֹיף אַ סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶּכֶת שְׁקָלִים; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זֶען

דִי פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים אוּן אוֹיךְ דִי אַלְטֶע מְקוּרָבִים וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ מֶען קֶען לֵייגְן אִין שׁוּלְן בְּחִנָּם סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אַזוֹי וִוי מֶען לֵייגְט גִּלְיוֹנוֹת; גִּלְיוֹנוֹת קֶען מֶען לֵייגְן אִין שׁוּלְן בְּחִנָּם, וַוייל גִּלְיוֹנוֹת אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע לֵייגְן אִין שׁוּלְן, עֶס קוּמְט אַז מֶען זָאל דָאס לֵייגְן אִין שׁוּלְן, ווִידֶער סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען לֵייגְט אִין שׁוּלְן; סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים קֶען מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן מִיד לְיַד אוּן בֶּעטְן צְדָקָה.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; עֶס אִיז דָא אִין מָאנְסִי אַזוֹיפִיל תַּלְמִידִים אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען דַארְף זֵיי צַאמְנֶעמֶען, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיפְוֶועקְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קוּמֶען צוּ דִי חַבּוּרָה; אֲפִילוּ דִי וָואס וואוֹינֶען וַוייט אוּן קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען שַׁבָּת - זָאלְן קוּמֶען אִינְדֶערְוָואכְן, אַז נִישְׁט יֶעדֶע נַאכְט - כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אַ וָואךְ. אַז דוּ וֶועסְט מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעלְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת טָהֳרָה, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר׳ן דַאוֶועןֶען פַאר מִיר; אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְ׳ן מְשַׁמֵשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן מִיט דִי יְשִׁיבָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען לֵייסֶענְס; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דַיין שְׁאֵלָה אִיז, וָואס זָאל זַיין דֶער פְּרָאבְּלֶעם? נֶעם אַרוֹיס לֵייסֶענְס צוּ דְרֵייוְון, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען

גֵיין און קוּמֶען, נִישְׁט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַנְדֶערֶע; דוּ וֶועסְט קֶענֶען גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע 'וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין דִי טֶעג וָואס מֶען דַארְף הַאלְטְן הֲלָכוֹת וְכוּ'?' אַז מֶען לֶעבְּט וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט, אָן קַיין חוּמְרוֹת אוּן אָן קַיין פְּרִישׁוּת - קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין אַלֶע טֶעג אוּן אִין אַלֶע צַייטְן. אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה - דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרָאפּ, אָבֶער אַז מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט - דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין אַלֶע צַייטְן.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּ אַ מְכוֹן וָואס זֵיי זָאגְן וָואס אִיז גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, מִיט וָואס מֶען זָאל זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן; בַּיי מִיר אִיז דָאס אַ גֶעלֶעכְטֶער, דָאס אִיז זִיכֶער אַז דֶער מְכוֹן מַאכְט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן פַּרְנָסָה. דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן אוּן רֶעדְן וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה אוּן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט פַּרְנָסָה - דִי הָאבְּן פַּרְנָסָה, דִי זֶענֶען גוּט פַאר זִיךְ. פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער; בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ מְלָאכָה קַלָּה וּנְקִיָּה, זָאג נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים; וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ טְרֶעפְן דַיין פַּרְנָסָה.

גֶעלְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן; מֶען קֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט אִין מוֹיל צוּ נֶעמֶען, וִוידֶערְאוּם קֶען מֶען הָאבְּן אַ שְׁוַואכֶע פַּרְנָסָה אוּן עֶס גִיסְט זִיךְ גְרוֹיס שֶׁפַע. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר זָאגְט (קִידּוּשִׁין פב:): "לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם אֶת בְּנוֹ אֻמָּנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה, וִיבַקֵּשׁ רַחֲמִים לְמִי שֶׁהָעשֶׁר וְהַנְּכָסִים שֶׁלּוֹ", נָאכְן זִיךְ לֶערְנֶען אַ גְרִינְגֶע רֵיינֶע פַּרְנָסָה זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה, "שֶׁאֵין עֲנִיּוּת מִן הָאֻמָּנוּת", מֶען וֶוערְט נִישְׁט אָרֶעם פוּן אַרְבֶּעט, "וְאֵין עֲשִׁירוּת מִן הָאֻמָּנוּת", אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט רַייךְ פוּן אַרְבֶּעט, "אֶלָּא לְמִי שֶׁהָעשֶׁר שֶׁלּוֹ", עֲשִׁירוּת קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חַגַּי ב, ח): "לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם ה' צְבָאוֹת".

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זוכְן פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג וָואס דוּ זָאגְסְט אַז בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל דִיר שִׁיקְן אַרְבֶּעט - אִיז אַ חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה; בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן זָאלְן גֶעבְּן אַרְבֶּעט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַ חִסָרוֹן אִין קַאנְפִידֶענְס, אַ חִסָרוֹן אִין גְלֵייבְּן אִין זִיךְ; מֶען מֶעג בֶּעטְן אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר אַרְבֶּעט.

קֶענְסְט דָאךְ זָאגְן נָאךְ מֶער, אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ בִּכְלַל פַארְמַאכְן דַיין אַרְבֶּעט אוּן מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן וַוייל עֶס אִיז אַ חִסָרוֹן אֱמוּנָה? נָאר וָואס דֶען, אַרְבֶּעטְן אוּן זוכְן אַרְבֶּעט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי דְּבָרִים פֶּרֶק טו, פִּיסְקָא קנח) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב דְּבָרִים טו, יח): ״וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט אוּנְז אַז מִיר וֶועלְן זֶען אַ בְּרָכָה אִין אוּנְזֶער אַרְבֶּעט, ״יָכוֹל יְהִי יוֹשֵׁב וּבָטֵל״, וֶועסְטוּ מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, מֶען קֶען זִיצְן לֵיידִיג? ״תַּלְמוּד לוֹמַר בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה״, אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט מֶען זָאל טוּן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אָנְרוּפְן אַלֶע וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעגֶעבְּן פְּרַייזְן זֵיי פְּרֶעגְן פַארְוָואס זֵיי נֶעמֶען דִיר נִישְׁט, אוֹיב בִּיסְטוּ צוּ טֵייעֶר זָאלְסְטוּ אַרָאפְּקוּמֶען מִיט דִי פְּרַייז. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף דִי אַרְבֶּעט אַז דָאס אִיז דַיין מְקוֹר הַפַּרְנָסָה, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן; זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן אִיז אַ חִסָרוֹן אֱמוּנָה, פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קֶענְסְט נֶעמֶען זַייטִיגֶע אַרְבֶּעט כָּל זְמַן עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרַיין קַיין אַרְבֶּעט פַאר דִיר בַּיים בּוֹיעֶן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל בִּטָחוֹן, עֶס הָאט אִים גֶעפַּאסְט צוּ נֶעמֶען אַלֶע סָארְט אַרְבֶּעט - אַבִּי עֶר זָאל קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; הָאב נִישְׁט מוֹרָא צוּ נֶעמֶען אַרְבֶּעט אִינְדֶערְזַייט, אֲפִילוּ עֶמְטְלִיךְ בִּיסְטוּ אַ גְרוֹיסֶער קָאנְטְרַאקְטָאר.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה; מִיר נֶעמֶען עֶרֶב שַׁבָּת קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט אָן - אִין מִקְוֶה, אָבֶער מֶען טוּט דָאס אִין דִי צַייט וָוען עֶס אִיז נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט מֶענְטְשְׁן, בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִין אָנְהֵייבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער נָאךְ מוֹרָא זִיךְ אַיינְטוּנְקֶען דֶעם קָאפּ, מֶען הֵייבְּט אָן קוֹדֶם אַז זֵיי זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ן בִּיזְן הָאלְז, אַזוֹי מִיט דֶער צַייט גֵייט אַוֶועק דִי פַּחַד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן דִי דִירָה פַאר אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֵייעֶר פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן עֶנְקֶער דִירָה עֶס זָאל זַיין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

מִיר אַלֶע זֶענֶען אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ דַאוֶוענֶען שַׁבָּת; עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין אַ לַאנְגֶע וֶועג, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע הִילְף פַאר אוּנְז אַלֶע.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער גַבַּאי פוּנֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ - עֶר זָאל הַאלְטְן רֵיין דָאס פְּלַאץ; אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן פוּנֶעם רֵיינְקֵייט, אוֹיבּ דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִים, עֶר וֶועט זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט.

אִינֶעם זְכוּת פוּן אַרַיינְנֶעמֶען בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ דֶעם רֶבִּי'ן (דָארְט וואוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צַאם - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי), זָאלְסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְווֹת.

...

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ ווִיל אַייךְ גֶעבְּן אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג אִין כּוֹלֵל, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ לִיכְטִיגֶער אִינְגֶערְמַאן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, זָאגְט תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, מִי יִתֵּן אַז אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים"; תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וָואס אִיר דַארְפְט - בֶּעטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ - אִין אִידִישׁ. וֶוען אִיר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְט אִיר אַיינְטֵיילְן דָאס רֶעדְן אִין צְוֵויי; גֶעדֶענְקְט צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ בֶּעטְן, נִישְׁט נָאר בֶּעטְן נָאר אוֹיךְ דַאנְקֶען.

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ.

...

## הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער אָן שְׁטֶעכְן אַ צְוֵוייטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה וָואס זֶענֶען גֶעטְרֵיי אוּן הֶעלְפְן מִיר מִיט אַן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, אָבֶּער תַּלְמִידִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אָן שְׁטֶעכְן אַנְדֶערֶע, אָן זִיךְ גְרוֹיסְן אוּן שַׁאפְן אוֹיף אַנְדֶערֶע - דָאס קֶען אִיךְ צֵיילְן אוֹיף דִי פִינְגֶער.

שְׁלֵימוּת אִיז וֶוען מֶען ווִיל גָארְנִישְׁט, מֶען אִיז גֶעטְרֵיי - אָן שְׁטֶעכְן אַנְדֶערֶע, אָן זִיךְ גְרוֹיסְן. אַסַאךְ מָאל דַארְף אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַיינְהַאלְטְן וֶוען אִיךְ זֶע אֵיינֶעם הֶעלְפְן אוּן עֶס שְׁפְּרִיצְט פֵייעֶר פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר גְרוֹיסְט זִיךְ וְכוּ'.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, הֶעלְפְן אִין הַפָּצָה אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט בֶּעט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט גָארְנִישְׁט וֶועלְן; נִישְׁט זוּכְן יֶענֶעם אַוֶועק צוּ מַאכְן, יֶענֶעם שְׁטֶעכְן.

...

## אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ג׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ וִויל זַיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וְוִיל אִיךְ אֵייךְ בֶּעטְן אוֹיב עֶס אִיז שַׁיָּיךְ אַרַיין צוּ נֶעמֶען גֶעסְט.

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וָואס וִוילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אוֹיךְ אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס וִוילְן זַיין אִינְאֵיינֶעם; וֶוער עֶס הָאט פְּלַאץ אַרַיין צוּ נֶעמֶען גֶעסְט צוּ שְׁלָאפְן, אוּן וֶוער עֶס קֶען אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט פַאר סְעוּדוֹת זָאל זִיךְ מֶעלְדְן צוּ ..., אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע קֶענֶען זַיין אִינְאֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין שׁוּל קוּמְט נִישְׁט קַיין בִּילְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בִּילְדֶער פוּנֶעם סִיּוּם מַסֶּכֶת שְׁקָלִים; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר הַאלְט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם, אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בְּאַחְדוּת, מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אִיךְ זֶע אַז אִיר הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אִין שׁוּל בִּילְדֶער פוּן מוֹהֲרָא״שׁ;

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען דִי בִּילְדֶער, אִין שׁוּל קוּמְט נִישְׁט קַיין בִּילְדֶער. בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁטָא קַיין בִּילְדֶער, נִישְׁט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע צַדִיקִים; אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל בַּיי דִי קִינְדֶער לֵייגְן מִיר יָא בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים, אַזוֹי וְוִי מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם חֲזוֹן אִישׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז מֶען זָאל לֵייגְן אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶער אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר בִּילְדֶער.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ גְרוּס פַאר ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בַּאקוּם גְרוּסְן פוּן זַיין שִׁיעוּר אַז עֶר לֶערְנְט שֵׁיין פָאר יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִין אַלֶע שׁוּלְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דָא שִׁיעוּרִים אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא. בָּרוּךְ הַשֵׁם עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואס לֶערְנֶען פָאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא; יֶעצְט הָאט מֶען גֶעמַאכְט בַּיי אוּנְז נָאךְ אַ שִׁיעוּר, מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִים שְׁלִיטָ"א לֶערְנְט פָאר יֶעדֶע נַאכְט אִין יְשִׁיבָה דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוען מְ'זָאגְט עֶס מִיט לִיבְשַׁאפְט, וֶוערְט עֶס אָנְגֶענוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד' אִיָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט זֵייעֶר שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַייעֶר מַאן אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן; אִיךְ קֶען אִים זֵייעֶר גוּט, עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, עֶר הָאט גוּטֶע מִידוֹת, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ וואוֹילֶער אִינְגֶערְמַאן.

דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז אַייעֶר מַאן קֶען נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַם הָאָרֶץ; אִיר צִיטֶערְט וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, אִיר ווִילְט נִישְׁט אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עַמֵי הָאֲרָצִים, אוּן וֶוען אִיר זָאגְט אִים

הֲלָכוֹת וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וֶועט ער נֶערְוֶועז וְכוּ'; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ, וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען לִיבְּשַׁאפְט וָואלְט ער דָאס שֵׁיין אָנְגֶענוּמֶען, שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן אַלֶע לִיבּ, שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער נֶעמְט מֶען אָן; אַז מֶען זָאגְט דָאס מִיט הַאס, מִיט פַּיינְטְשַׁאפְט, - דֶעמָאלְט גֵייט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין יֶענֶעם, דֶעמָאלְט אִיז אַ שָׁאד צוּ זָאגְן, וַוייל מֶען מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, קוּקְט גוּט אוֹיף אַייעֶר מַאן; עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט אַזַא עַם הָאָרֶץ וְוִי אִיר לֵייגְט אִים אַרָאפּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת מז ע"ב; סוֹטָה כב.) וֶוער אִיז אַן עַם הָאָרֶץ? "כָּל שֶׁאֵינוֹ קוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע שַׁחֲרִית וְעַרְבִית בְּבִרְכוֹתֶיהָ, דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר", רֶבִּי מֵאִיר זָאגְט, דֶער וָואס לֵיינְט נִישְׁט קַיין קְרִיאַת שְׁמַע אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט; דִי חֲכָמִים זָאגְן: "כָּל שֶׁאֵינוֹ מֵנִיחַ תְּפִילִין", דֶער וָואס לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין, בֶּן עַזַאי זָאגְט: "כָּל שֶׁאֵין לוֹ צִיצִית בְּבִגְדוֹ", דֶער וָואס גֵייט נִישְׁט קַיין צִיצִית, רֶבִּי יוֹנָתָן בַּר יוֹסֵף זָאגְט: "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בָּנִים וְאֵינוֹ מְגַדְּלָן לְתַלְמוּד תּוֹרָה", דֶער וָואס הָאט קִינְדֶער אוּן שִׁיקְט זֵיי נִישְׁט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אֲחֵרִים אוֹמְרִים", אֲחֵרִים זָאגְט: "אֲפִילוּ קָרָא וְשָׁנָה וְלֹא שִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט גְמָרָא; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועט עֶר זֵיי שִׁיקְן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; מַאכְט אִים נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט.

קוּקְט אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ פְרוֹי אַ צַדֶיקֶת, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי; לֶערְנְט אַייךְ אָפּ פוּן דְבוֹרָה הַנְּבִיאָה, זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ מַאן אַן עַם הָאָרֶץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט; עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, הָאט זִי אִים נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט, זִי הָאט נִישְׁט גֶעוֵויינְט אוֹיף אִיר מַזָל, זִי הָאט נִישְׁט גֶעבְלָאזְן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אִיר נִישְׁט נִמְאָס גֶעוָוארְן דָאס לֶעבְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שׁוֹפְטִים פֶּרֶק ד, רֶמֶז מב) זִי הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר וִוילְסְטוּ מַאכְן קְנוֹיטְן פַאר'ן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?" אָבֶער דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ

נִישְׁט גֶעקֶענְט, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי קְנוֹיטְן אוּן דוּ וֶועסְט עֶס טְרָאגְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ"; דֶערְפַאר הֵייסְט זִי "אֵשֶׁת לַפִּידוֹת - דִי פְרוֹי פוּן לַפִּידוֹת", מֶען רוּפְט אִיר מַאן "לַפִּידוֹת", וַוייל עֶר הָאט גֶעבְרֶענְגְט שֵׁיינֶע דִיקֶע קְנוֹיטְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס זַיין וַוייב הָאט גֶעמַאכְט.

וָואס אִיז נָאכְדֶעם גֶעוָוארְן פוּן אִיר מַאן דֶעם עַם הָאָרֶץ? עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא! אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם): "מִי זָכָה לוֹ לְלַפִּידוֹת שֶׁיְּהֵא חֶלְקוֹ עִם הַכְּשֵׁרִים", אִין וֶועמֶענְס זְכוּת הָאט לַפִּידוֹת זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אַז זַיין נָאמֶען וֶוערְט גֶערֶעכְנְט צְווִישְׁן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן? "וְיָבֹא לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא", אִין וֶועמֶענְס זְכוּת הָאט לַפִּידוֹת זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ עוֹלָם הַבָּא? "הֱוֵי אוֹמֵר דְּבוֹרָה אִשְׁתּוֹ", דוּרְךְ זַיין וַוייב דְּבוֹרָה, וָואס אוֹיף אִיר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּב.

אִיךְ שְׁפִּיר ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען צֶעבְרֶעכְן דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק; עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען אָפְּקִילְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר חָרוּב מַאכְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב. אִיךְ ווִיל דָאס נִישְׁט אוּן אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט לָאזְן פַּאסִירְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט זִיךְ מַאכְן צַייט, שְׁרַייבְּט אַייךְ אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַייךְ גוּט, שְׁרַייבְּט אַרָאפּ אַלֶע גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ אוּן אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי לִיסְט; רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ וֶועט אִיר אָנְהֵייבְּן זֶען אַן אַנְדֶערֶע בִּילְד אִין לֶעבְּן, אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן זֶען ווִי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, ווִי גוּט עֶס אִיז צוּ פָאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן; אָן דַאנְקֶען אִיז מֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אַז מֶען דַאנְקְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן נָאר פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר לֶעבְּט אַ זִיסֶע לֶעבְּן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר גְרוֹיס דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען; אַנְשְׁטָאט מִיר זָאלְן זֶען דִי נִיסִים, דִי חֲסָדִים אוּן

דִי לִיבְשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז, וָואס עֶר טוּט אַלְץ פַּאר אוּנְז - טְרַאכְט מֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם אוּן פְרַיינְטְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ - וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט, אִיר וֶועט לֶעבְן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְן וָואס אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן לֶעבְן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ נִישְׁט דֶעם בְּרִיוו אַהֵיים; אִיךְ וִויל נִישְׁט אַייעֶר מַאן זָאל זֶען אַז אִיר הָאט טַעֲנוֹת, אִיךְ לֵייג דֶעם בְּרִיוו אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, דָארְט וֶועט אִיר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן הָאבְן חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֵאֵת קִינְדֶלֶער

## הֲפִּסְקָה, הֲפִּסְקָה, הֲפִּסְקָה

גֶעוואַלְד...! אוֹי וֵויי...! מֶען טְרָאגְט רֶבִּי נָתָן אִין תְּפִיסָה...!

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעוויינְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעווּסְט וָואס צוּ טוּן; דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן אַוֶועק גֶעפִירְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט מִיט קֵייטְלֶעךְ.

גֶעוֶועזְן אִיז דָאס וֶוען דִי מִתְנַגְדִים הָאבְּן גֶעזוּכְט וִוי זֵיי קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים; זֵיי הָאבְּן גֶע׳מַסָרְ׳ט רֶבִּי נָתָן אַז עֶר דְרוּקְט סְפָרִים אָן רְשׁוּת פוּן דִי רֶעגִירוּנְג. דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען, זֵיי הָאבְּן גֶעבִּינְדְן רֶבִּי נָתָן אוּן אִים אַוֶועק גֶעפִירְט פוּן שְׁטוּב.

וֶוען מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן רֶבִּי נָתָן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן גֶעפַּאטְשְׁט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז רֶבִּי נָתָן גֵייט אִין תְּפִיסָה. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעוֶועזְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ

רֶבִּי נָתָן: ״רֶבִּי, וָואס זָאלְן מִיר טוּן? רֶבִּי, וָואס קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן? רֶבִּי, וָואס וֶועט זַיין וַוייטֶער...?״

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט?

״הֲ פָּ צָ ה ! ! !״

״אַייעֶר זַאךְ זָאל זַיין פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט ! ! !״




מִיט הֲפָּצָה וֶועט אִיר מִיר הֶעלְפְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן; עֶר אִיז

הֶעכֶער פוּן דִי פָּאלִיצַיי, עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּן דִי אַלֶע זַאכְן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אֵיין זַאךְ מִיט וָואס מֶען קֶען מִיר הֶעלְפְן, מִיט הֲפָצָה, מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט"; וַוייל וֶוען אַלֶע וֶועלְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן טוּן דִי עֵצוֹת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין צָרוֹת.

מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט רֶבִּי נָתָן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אִין תְּפִיסָה, נָאכְדֶעם הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּי'ן. שׁוֹין אִיבֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוּן אַלֶע וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶע לֶעבְּן פוּן רֶבִּי'ן; נָאר בִּזְכוּת דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן דֶער גְרוֹיסֶער גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן, אוּן פוּן דִי מִתְנַגְדִים אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער לִיגְן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר פָּאלְגְן רֶבִּי נָתָן, לָאמִיר גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן רֶבִּי נָתָן, לָאמִיר גֵיין הֲפָצָה, לָאמִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט אוּנְז אוּן קֶען אוּנְז הֶעלְפְן.

**לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיר אוּן קֶען מִיר הֶעלְפְן, הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר אֶת עַצְמִי לְרַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא בֶּן שִׂמְחָה".**

**טייערע חשוב׳ע קינדער שיחיו!**

**די נעקסטע גורל וועט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף פארקומען קומענדיגע מיטוואך פרשת במדבר, ראש חודש סיון.**

**געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

***** אין די קומענדיגע גורל וועט מען אויך קענען געווינען א ספר המדות *****

**כאפ אריין! דו קענסט זיין דער גליקליכער געווינער!**

די נומער וואו מען קען דערווייל לאזן מעסידזשעס איז: 718-387-2691 - אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט״א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס:
info@kerenhadfusa.org

**געציילטע מעסידזשעס פון די חשוב׳ע קינדער שיחיו:**

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון די עצתו אמונה פאר קינדער-פרשת שמיני אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות״.**

יוסי פעלדמאן, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, ליבערטי

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה אז אויב מ׳בעט דעם אייבערשטן באקומט מען יעדע זאך״.**

יצחק אינדיג, מאנטריאל

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה צו טון כיבוד אב ואם, צו זיין פרייליך, צו שפילן נאר מיט גוטע חברים און צו בעטן דעם אייבערשטן״.**

אליעזר שלמה פארקאש, תלמוד תורה היכל הקודש, קרית יואל

# קינדער ווינקל

## א"ת ב"ש ווערטער שפיל

### דאס גרויסקייט פונעם דף גמרא

קזג חיל יי פפזנ כתעט תכזח קזי יזטנב נפט

תפמחזג כזגטזט ת שכתנ ריגת

| | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א=ת | ב=ש | ג=ר | ד=ק | ה=צ | ו=פ | ז=ע | ח=ס | ט=נ | י=מ | כ=ל |
| ל=כ | מ=י | נ=ט | ס=ח | ע=ז | פ=ו | צ=ה | ק=ד | ר=ג | ש=ב | ת=א |

ענטפער פון פאריגע וואך:

### וויפיל ניגונים וואס מיר זינגען אין די ספירה טעג קענסטו טרעפן?

**ואטהר אמר ועל ידי ואתקדש רבי זה יושפע רב בר שפע יוחאי עקיבא**

**אייזיק וויל גיין אין פעלד רעדן צום אייבערשטן, העלף אים טרעפן די וועג**

אנהייב





מיר לערנען די וואך די דריטע פרק פון מסכת אבות, מיר לערנען אין דעם פרק אסאך לעבנסוויכטיגע זאכן וואס דער ראש ישיבה שליט״א חזר׳ט מיט אונז כסדר; לאמיר זיך איינ׳חזר׳ן א חלק דערפון

טרעף די ווערטער וואס שטייען אויסגערעכנט אונטער דעם פאזל

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ש | ע | מ | ל | ר | ג | ע | ו | ל | ת | מ | ד | ו | ק |
| ה | נ | נ | ת | ת | ג | ו | ח | כ | ק | ב | ט | פ | ג | ע |
| ס | א | ש | ק | ש | ט | נ | ק | א | ר | צ | מ | ה | ק | ו |
| מ | נ | ת | י | ח | ג | מ | י | י | נ | ד | ס | ש | ק | ל |
| ד | ו | ה | מ | ר | ל | מ | ג | ו | ע | ת | נ | ל | ג | ח |
| ע | ת | מ | ת | ת | נ | נ | ו | ת | ה | ה | א | ד | מ | ו |
| ת | ר | ק | ר | נ | ר | ת | ו | ש | ח | ו | ו | ר | נ | נ |
| ו | ד | ב | ת | ב | י | א | א | א | ו | ש | ל | א | י | ו |
| ר | ח | ל | ו | נ | פ | ר | ע | י | נ | א | ו | ג | כ | ש |
| כ | ל | כ | ק | ק | ל | ו | י | ס | ס | ת | ל | כ | ג | א |
| ח | ט | נ | מ | ל | נ | ט | ת | ב | מ | ת | ד | ה | י | צ |
| ה | א | ד | מ | ת | נ | י | א | כ | ע | מ | ח | צ | ו | ס |
| ל | ו | ע | ו | ר | ו | ק | ח | פ | ק | מ | ל | ב | ח | ע |
| מ | ק | ב | ל | ה | ע | ל | י | ו | ש | ע | ט | כ | ס | צ |
| ג | כ | א | ט | ט | כ | ו | ר | ב | ש | ק | ק | ו | ו | מ |
| ל | פ | ת | ו | ר | ה | ד | ו | ב | ש | ע | א | ש | ו | ת |
| ד | ו | צ | א | ע | ו | נ | ח | ג | ק | ט | ז | פ | מ | ג |
| ה | ש | ה | ז | פ | נ | ח | צ | ע | ח | צ | כ | ל | מ | ב |

כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה, מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ.
כֹּל שֶׁיִּרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ, חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶּמֶת.
הֱוֵי קַל לָרֹאשׁ וְנוֹחַ לַתִּשְׁחֹרֶת, וֶהֱוֵי מְקַבֵּל אֶת כָּל הָאָדָם בְּשִׂמְחָה.
וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ.

די גורל פאר די תפילות לויט די סדר האל״ף בי״ת וועט אי״ה פארקומען מיטוואך פרשת במדבר, ראש חודש סיון.

בס"ד

# קול ברסלב האטליין אפדעיטס, מאנטאג טהרה - מאנטאג אחרי-קדושים תשפ"א

דרוקט (1) פאר אידיש, און דערנאך:

## 0 אפדעיטס און נייעס

## 1 חיזוק יומי • נייע שיעורים

◀ 1 חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה שליט"א

- ער איז גערעכט און ער איז טאקע גערעכט... און גערעכטערהייט ווערט ער גע'הרג'עט...!
- דער סוד פארוואס פעלט אלעמאל ממש אביסל!
- ער איז נישט קעגן די ספרים, ער זאגט 'בעע' אויף פאר זיין ווייב...
- איך בין ווער איך בין, די שאלה איז נאר צי דו האסט גוטע מדות אדער שלעכטע...
- אדער א שבת טיש...? אדער א טיר גארטן...?

◀ 2 חיזוק יומי פון מוהרא"ש זי"ע

◀ 3 נייסטע שיעור פאר בחורים

◀ 4 נייסטע שיעור פאר אינגעלייט

◀ 5 נייסטע שיעור אין בבלי

◀ 6 נייעסטע שיעור אין ירושלמי

◀ 7 קאראנע אפטיילונג

◀ 9 ענינא דיומא

◀◀ 7 ***ל"ג בעומר***

◀◀◀ 1 שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א אויף ל"ג בעומר

1 - פאר די דרשה ביי די סעודת ל"ג בעומר מיטוואך נאכט פרשת אמור תשע"ח

2 - פאר די דרשה ביי די סעודת ל"ג בעומר מיטוואך פרשת בהר תשע"ט

3 - פאר די דרשה ביי די סעודת וואך נאכט פון בן ר' שלמה ראטה שליט"א ל"ג בעומר תש"פ

4 - פאר די דרשה פון ל"ג בעומר תש"פ

◀◀◀ 2 שיעורים פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אויף ל"ג בעומר

◀◀◀ 3 די מעשה פון רבי שמעון בר יוחאי פארגעלערנט פון בבלי און ירושלמי

1 - בבלי מסכת שבת דף לג

2 - ירושלמי מסכת שבועות פרק ט, הלכה א

◀◀◀ 4 ל"ג בעומר פאר קינדער

## 2 שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א (ביים סוף פון די וועכנטליכע מפתח איז דא ליסטע פון שיעורים פון די פארגאנגענע יארן)

◀ 1 טעגליכע דרשות

◀◀ 7

◀◀◀ 2

5 - שיעור פון מאנטאג פרשת טהרה תשפ"א: א בלאט גמרא

6 - שיעור פון דינסטאג פרשת טהרה תשפ"א: זויבערקייט

7 - שיעור פון מיטוואך פרשת טהרה תשפ"א: אלעס איז אנגעשריבן

8 - שיעור פון דאנערשטאג פרשת טהרה תשפ"א: אפגעלאכט

9 - שיעור פון זונטאג פרשת אחרי-קדושים תשפ"א: א טעם אין לעבן

◄ 2 וועכענטליכע דרשות

◄◄ 6

25 - שיעור פאר אינגעלייט ליל שישי פרשת טהרה תשפ"א: לאז לעבן

◄ 3 מועדים וזמנים

◄ 4 חינוך שיעורים

◄ 5 שו"ת און בריוו

2 - פרישע בריוון צוגעלייגט

◄ 6 שולחן ערוך

◄ 7 גמרא בבלי

◄◄ 6

התחלת מסכת יומא, יום ג' פרשת טהרה, ב' דראש חודש אייר

2** - יומא דף ב, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים**

3 - יומא דף ג, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

4 - יומא דף ד, ביים סוף: יעדער קען לערנען תורה

5 - יומא דף ה, ביים סוף: שמירת עינים, לימוד התורה, נסיונות

6 - יומא דף ו

7 - יומא דף ז, ביים סוף: אלע גוטע זאכן באקומט מען פון די גמרא

8 - יומא דף ח, ביים סוף: געלט העלפט נישט דעם מענטש

◀ 8 שיעורי נ"ך

◀◀ 8

מיטצוהאלטן די שיעור אין נ"ך, לויט די סדר פון צוויי פרקים ליום, וואו מען האלט יעצט אין ספר ירמיה, קען מען דרוקן נומער 8 און אויסוועלן די קאפיטל וואס מען וויל הערן.

◀ 9 גמרא ירושלמי

◀◀ 25

- מסכת יבמות - פרישע שיעורים צוגלייגט

◀ 10 חיזוק קאלס

◀ 11 משנה תורה להרמב"ם

- הלכות מאכלות אסורות - פרישע שיעורים צוגעלייגט

## 3 שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע

◀ 1 בראשית

◀ 2 שמות

◀ 3 ויקרא

◀ 4 במדבר

◄ 5 דברים

◄ 6 מועדים וזמנים

◄ 7 פארשידענע דרשות

◄ 8 ליקוטי מוהר״ן

◄ 9 שמועסן פון פריערדיגע יארן

## 4 מלמדים שטיבל • אנדערע שיעורים

◄ 1 שיעורים פון הרב יצחק לעזער שליט״א

◄ 2 מלמדים שטיבל • שיעורי חינוך • אינטערוויוס

◄◄ 1 מלמדים שטיבל

- פרישע שמועסן

◄◄ 2 חינוך שמועסן פון די גמרא שיעורים פון ר״י

◄◄ 3 חינוך שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א

78 - א חינוך שיעור פון זונטאג אחרי-קדושים תשפ״א

◄◄ 4 חינוך שיעורים אין ת״ת היכל הקודש וומ״ס

◄◄ 5 אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים

◄ 3 שיעורי הלכה

## 5 היכל נגינה

◄ 0 אלע ניגונים שאפל רענדאם

◄ 1 וואַרימע ניגונים

◄ 2 גראַמען

◄ 3 לעבעדיגע ניגונים

◄ 4 נוסח

◄ 5 סינגלס

◄ 6 ניגונים אָן מוזיק לימי הספירה

## 6 שיעורים מיט צו זאָגן

◄ 1 משניות

◄ 2 תהילים • תיקון הכללי • תפילת הדרך • פרשת המן

◄ 3 חומש

◄ 4 **ב**בלי, **י**רושלמי, **ת**וספתא **נצחי**

◄ 5 ליקוטי מוהר״ן

## 7 פאַמיליע ווינקל

◄ 1 מעשיות פון תפלה

- פרישע שמועסן

◄ 2 סיפורי מעשיות

◀ 3 סיפורי צדיקים

◀◀ 1

18 – דער אייבערשטער געבט פרנסה

19 - אפגעהיטענע אויגן (די מעשה פון עצתו אמונה פאר קינדער פרשת טהרה תשפ"א)

◀ 4 הפצה בליצן

- פרישע שמועסן

◀ 5 אינטערוויוס

118 - א שמועס מיט'ן באס דרייווער ר' נחמן נתן בוים, וואס האט שוין זוכה געווען צו לערנען הונדערטער בלעטער גמרא אויפ'ן באס, ביי טרעפיק און ביי רויט-לייטס

119 - א שמועס מיט ר' מענדל געפנער איבער די חשיבות פונעם סדר דרך הלימוד, ווי אזוי עס העלפט און ראטעוועט דעם מענטש

◀ 6 פופצן מינוטיגע לאנטש ברעיק שמועסן

30 - הפצה פאר די גארבידזש

◀ 7 שיחות חברים

- פרישע שמועסן

## 8 זיך איפצוסיינען צו באקומען עצתו אמונה אויף פאסט

- דרוקט נומער 1

## 9 נדבות • אנווייזונגען • הוקאפ • מערכת

◀ 1 נדבות

◀ 2 אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם האטליין

◀ 3 וויאזוי צו באקומען די חיזוק יומי און די שיעורים

◀ 4 די טעלעפאן נומערן פון קול ברסלב אין אנדערע לענדער

◀ 5 לייוו הוקאפ

◀ 9 צו לאזן א מעסעדזש פאר׳ן מערכת

## שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

1, 13: ב׳ אמור תשע״ה - אלעס קען מען פועל׳ן מיט תפלה
1, 14: ג׳ אמור תשע״ה - לייג נישט צו און נעם נישט אראפ
1, 15: ה׳ אמור תשע״ה - רעדן צום אייבערשטן

2, 2, 1: ב׳ אחרי-ב׳ תשע״ו - אין שווערע צייטן
2, 2, 2: ג׳ אחרי-ב׳ תשע״ו - א פשוט׳ער איד
2, 2, 3: א׳ קדושים תשע״ו - טראכט אויך פון א צווייטן
2, 2, 4: ג׳ קדושים תשע״ו - א בחור דארף חתונה האבן
2, 2, 5: ד׳ קדושים תשע״ו - איך גיי נישט אוועק פונעם אייבערשטן

3, 2, 7: א׳ אחרי-קדושים תשע״ז - קינדער מיט עלטערן
3, 2, 8: ב׳ אחרי-קדושים תשע״ז - יעדער האט שווערע צייטן
3, 2, 9: ג׳ אחרי-קדושים תשע״ז - אפגעשיידט פון די וועלט
3, 2, 10: ד׳ אחרי-קדושים תשע״ז - תורה לשמה
3, 2, 11: ה׳ אחרי-קדושים תשע״ז - ברייטע ארבעל
3, 2, 12: ג׳ אמור תשע״ז - כאפן די וועלט
3, 2, 13: ד׳ אמור תשע״ז - פשוט איז חשוב
3, 2, 14: ה׳ אמור תשע״ז - איך וויל זיין ערליך

4, 2, 7: ב׳ אחרי-קדושים תשע״ח - וויפיל געלט דארפסטו?
4, 2, 8: ג׳ אחרי-קדושים תשע״ח - ווער קען מיר העלפן?
4, 2, 9: ד׳ אחרי-קדושים תשע״ח - איך וויל זיין ערליך
4, 2, 10: ה׳ אחרי-קדושים תשע״ח - קליינקייטן זענען זייער גרויס

4, 2, 11: ליל שישי אחרי-קדושים תשע״ח - שיעור בבית המדרש ברסלב מאנסי
4, 2, 12: ב׳ אמור תשע״ח - פארוואס לעב איך?

5, 2, 1: א׳ קדושים תשע״ט - מ׳דארף חתונה האבן
5, 2, 2: א׳ קדושים תשע״ט - סיום ירושלמי מסכת תרומות
5, 2, 3: ב׳ קדושים תשע״ט - ברויט מיט וואסער
5, 2, 4: ג׳ קדושים תשע״ט - דו קענסט אויך
5, 2, 5: ד׳ קדושים תשע״ט - וואס וועט זיין?
5, 2, 6: ב׳ אמור תשע״ט - ס׳איז שווער אבער איך בין שטארק
5, 2, 7: ג׳ אמור תשע״ט - אלעס האט א חשבון
5, 2, 8: ד׳ אמור תשע״ט - סיום הש״ס של הבחור לייבי ראטה נרו יאיר
5, 2, 9: ה׳ אמור תשע״ט - רעדן איידל

6, 2, 5: א׳ אחרי-קדושים תש״פ - ווען מ׳גייט ליידיג
6, 2, 6: ב׳ אחרי-קדושים תש״פ - קוק נישט אויף יענעם
6, 2, 7: ג׳ אחרי-קדושים תש״פ - ביסט נישט קיין שגץ
6, 2, 8: ד׳ אחרי-קדושים תש״פ - מסדר זיין דעם טאג
6, 2, 9: ב׳ אחרי-קדושים תש״פ - שבע ברכות להחתן אליעזר שמן
6, 2, 10: ב׳ אמור תש״פ – סיום 101 ראש השנה של הבחור לייבי ראטה נרו יאיר
6, 2, 11: ד׳ אמור תש״פ: איך וויל נישט זיין ערליך
6, 2, 12: ה׳ אמור תש״פ:ביידע זענען גערעכט

**שיעורים פאר אינגעלייט:**

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א און דערנאך 2 פאר ווערנטליכע דרשות~

2, 16: ב׳ אחרי-קדושים תשע״ז – אן אייגענע משפחה

3, 25: ב׳ אחרי-קדושים תשע״ח – אמונה בארואיגט

4, 25: ה׳ קדושים תשע״ט – שכל אין לעבן
4, 26: ה׳ אמור תשע״ט - חינוך